# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

108

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תל־אָבֿיבֿ

1982

# אין אַראַבישן דאָרף

## (פֿערטע דימענסיע)

מיט נאַכט־אַראָפּנידערונג קערן צוריק די זעונגען, אויפֿגעוועקטע, כּדי אַרומצושוועבן אין דער טונקלקייט. אַ שטייגער, שטומע פֿעלדזן גיבן צוריק דעם אײַנגעזאַפּטן טעגלעכן זונגלי צו דער פֿינצטערניש. אין אוישוויץ, בשעת לעצטער אויסגעלאָשענער האָפֿענונג, פֿלעגט ער אין מיטן נאַכט־חשכות זיך אַרויסשאַרן פֿון בלאָק, כּדי אָנצוהיטלען דעם הימל־קײַלעך אויפֿן קאָפּ. אין דער שטומער נאַכט־איינזאַמקייט האָט אַנטקעגן אים געפֿינקלט זײַן קיום ווי אַ בלאָנדזשענדיק, אַרומפֿליִענדיק גליוועריעמל, און זײַנע אויגן האָבן געשפּונען אַ נײַ געוועב עס צו כאַפּן.

פֿון לאַנג שוין איז ער אַ צוגעוווינטער צו זײַנע זעונגען. ער זעט זיי ווי פֿאַרנדיקע קאַמיוואָיאַזשאָרן מיט הינטערווײַלעכצדיקע געדאַנקען אין זייערע טשעמאָדאַנען. זיי קומען אים אַנטקעגן, שטויסן זיך אין אים אָפּ. זייער געהיימע שפּראַך איז אים באַקאַנט. ער, ווי זיי, געהערן צו איין לאַנדשאַפֿט. זיי קומען פֿון איין געגנט. ער האָט געמיינט, אַז בשעת דעם ערד־ציטערניש זענען זיי אַראָפּגעזונקען אין תּהום און נישט געוואָרן. פּלוצעם, ווי רײַטנדיק אויף אַ קאַרוסעל, געדרייט פֿון די טאָג־קאַלענדאַרן, פֿאַרשווינדן זיי פֿון זײַנע אויגן און באַווײַזן זיך ווידער; פֿאַרשווינדן און באַווײַזן זיך. אייניקע מיט פֿאַראַנדערשטער פּנימדיקייט, אייניקע מיט הסתּר־פּנימדיקייט. אָבער אין בליק פֿון זייער אַלעמענס אויגן ליגט די זעלביקע מאָנונג. מסתּמא איז דאָס טאַקע זייער כּוונה: זאָל ער זען זײַן חתימה אויפֿן אָפּמאַך און נישט פֿאַרגעסן דעם טאָג פֿון אָפּצאָל!

קוקנדיק איצט צום געבערג וואָס גאַרטלט אַרום דעם דאָרפּפּלאַץ, נאַקעט זיך אין אים אַרויס דאָס געדענקעניש ווי אַ רעטראָספּעקציע. ער דערזעט דאָס אין די אויפֿגעשנירלטע פֿײַערלעך פֿון די לוקסלעמפּ, וואָס פֿינקלען דאָרטן אויפֿן באַרגפּאַס. אַ פֿאַרכּישופֿטע שטימונג שוועבט אין דער לופֿט, אַ מין השארת־הנפֿש־געפֿיל. באַקאַנטע עלעמענטן, וואָס מ'קאָן זיי נישט אָנטאַפּן מיט די הענט.

מיטן אַראָפּנידערן פֿון דער סכּנה שעפּטשעט דער הימל־קופּאָל סײַ אין דײַן אויער, סײַ אין אויער פֿון לאָקער־ער אין זײַן לאָך־באַהעלטעניש, אַ מין פֿאַרהוילענעם, טרויעריקן ניגון־קלאַנג, וואָס נישטאָ צו אים קיין פּיתרון. בלויז דער ווידערקול וואָס קומט אַרויס פֿון דײַן טיפֿקייט ענטפֿערט צוריק דעם לאָקער־ער אויף זײַן שפּראַך.

אויף יענער זײַט פֿון דער שנור לוקסלעמפּ, אויף יענער זײַט הפֿקר־שטח פֿון דער אויסגעשפּרייטער פֿאַרטונקלעניש — וואָס פֿאַר אַ צורה און געשטאַלט האָט איצט די סכּנה וואָס איר ריח טראָגט זיך אַהער מיט יעדן ווינטבלאָז? די שנור לעמפּלעך אויף דער אוישוויצער עלעקטריש־געלאָדענער שטעכלדראָט־צוים האָט בײַ נאַכט אײַנגערוימט אין דײַן אויער לעגענדעס וועגן אַ פֿאַרהוילענער וועלט וואָס שפּרייט זיך דאָרטן

אויף יענער זײַט פֿינקלענדיקער לעמפּלשנור. מעגלעך אַז דאָרטן עקסיסטירן מענטשן, וואָס זייערע געשטאַלטן צינדלען זיך נאָך צו מאָל אַרויס פֿאַר דײַנע אויגן, פֿון דער פּלאַנעטן־ווײַטער, אַטאַוויסטישער פֿאַרגעסנקייט.

נאָר דערנאָך, אין דער שפּעטער אינדרויסנדיקער צײַט, האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעוויזן אַז אויך יענע וואָס האָבן דיך געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט זענען געווען מענטשן.

אויף יענער זײַט באַרגפּאַס — וואָס באַהאַלט דאָרטן אין זיך די נאַכט?

הונדערטער קעפּ צוזאַמען. שורות. שורות. לוקסלעמפּ אַנטבלויזן די קעפּ. עלעהיי אַ באַלויכטענע אָזערע אַנטפּלעקט זיך פֿון דער טונקלקייט וואָס גאַרטלט זי אַרום. עס טראָגט זיך אַ מאַכטיק געזאַנג פֿון זייערע העלדזער. מ'קאָן זאָגן, אַ נײַ אַנטפּלעקטער תּוכן אין די אָפּגעבליאַקעוועטע ווערטער. פֿון דער מקומדיקער פֿאַרשלאָסנקייט איז אַרויס די אַנטפּלעקונג. און ווי מיט בונטאַריש־רעוואָלטירטן אויסגעשריי שאַלט דאָס געזאַנג: מה טוב ומה נעים שבת אַחים — — —

פֿאַר דײַנע אויגן: ניכבדים פֿון דאָרף, אין ציכטיקער קעפֿיע־ווײַסקייט, לעבן אַמעריקאַנישע יוגנטלעכע. אָקעאַנען, קלימאַטן שיידן אָפּ צווישן זיי; ווי דאָ, אויף דעם ענגן לאַנדפּאַס, צווישן צוויי פֿעלקער־שכנים, שיידן פֿאַרנעפּלטע מרחקים נאָך מער פֿונאַנדער. נאָר הײַנטיקע נאַכט פֿאַראייניקט זיי אַלעמען אַ גערייניקטער אויפֿציטער. פֿון ווייטיקלעכער שׂינאה גייט אויף דער ציטער מיט דבֿקות און מיט דערהויבנקייט.

ווי באַלד דו האָסט איבערגעגעבן דײַן קול צום זינגענדיקן כאָר, זענען מער נישטאָ קיין באַגרענעצונגען. ס'פֿאַרשווינדן די אָפּהאַלטן. אויפֿגעריסן די פֿאַרצוימונגען. דו שעמסט זיך נישט דורכן געזאַנג אַרויסצוברענגען די ווונטשן פֿון דער טיפֿעניש. צווישן אַלגעמיינעם זינגענדיקן כאָר קאָנסטו זאָגן דאָס, וואָס מיט שפּראַך וועסטו זיך נישט דערוועגן צו זאָגן. דעריבער נאָך אַ מאָל! און טאַקע נאָך אַ מאָל! אַ שאָד צו פֿאַרלירן וואָס עס האַלטן איצט די הענט. אַלע ווייסן ווויל דעם פּירוש פֿון די ווערטער. אויגן צו אויגן זאָגן דעם באַשייד און קעל צו קעל ענטפֿערט. דעריבער געזונגען זאָל ווערן! ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל: מה טוב ומה נעים — — דזשיבנאַלקום סאַלאַם אַלייקום — — —

וואָס פֿאַרשטעקט אין זיך די נאַכט און וואָס וועט מיט זיך ברענגען דער מאָרגן־שטערן?

„פֿון דער דאָזיקער עקסקורסיע וועלן מיר נעמען מיט זיך אָט דעם נישט־פֿאַרגעסלעכן אָוונט. איצט ווייסן מיר אַז אינעם הייליקן לאַנד קאָנען לעבן צוזאַמען ייִדן און אַראַבער“.

די פֿרעמדע שפּראַך פֿון מיקראָפֿאָן אָטעמט זיך אַרײַן אין דער דאָרפֿישער אַטמאָספֿער. דאָלמעטשערס שטייען אין ביידע זײַטן פֿון דעם ייִנגל־פּרעלעגענט פֿון דער אַמעריקאַנער ראַבײַ־גרופּע. זאַץ בײַ זאַץ ווערט פֿאַרטײַטש פֿון ענגליש אויף אַראַביש און אויף עבֿרית. כאָטש נישט קאָנענדיק די שפּראַך, זאַפּט פֿון דעסטוועגן דאָס האַרץ אין זיך אַרײַן דעם יש דערפֿון, עלעהיי ס'זענען דערין פֿאַראַנען וויטאַמינען, וועלכע ס'איז געזונט אַראָפּצושלינגען. די אַטמאָספֿער איז דעזינפֿעקטירט אַנטקעגן דעם ציניש מיקראָב פֿון רעאַליטעט. דאָ קאָן הויזן בלויז איינער פֿון די צוויי עלעמענטן: חסד אָדער שׂינאה.

אַזוי ציִען זיך די רעדעס. דרײַשפּראַכיק. ס'רעדן ייִדן. ס'רעדן אַראַבער און ס'רעדט דער ראַבײַ. זיי זאָגן: דאָס פֿונאַנדעררעדן זיך פּנים־אל־פּנים איז אַ באַפֿעל פֿון

דער שעה! זיי זאָגן: ס'דאַרף קומען אַ פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט צווישן די צוויי פֿעלקער! און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. ווי גלײַך דער מעמד נייטיקט זיך איצט אין דער אויסגעדראָשנקייט פֿון מליצות, כּדי די נשמות זאָלן נישט, פֿליִענדיק, אויסגיין אין דער הויכער ספֿערע.

מעשׂענע פּנימער פֿון די דאָרף־ניכבדים, געהילטע אין ווײַס־ציכטיקע קעפֿיִעס; זיי שפּאַנען מיט פּאַוואָליעדיקע טריט בײַ די עקן פֿון פּלאַץ. זייערע געשטאַלטן מיגלען אין תּחום פֿון ליכט און טונקל. פֿאַרגייען און באַווײַזן זיך ווידער. דער באַזיץ אויף דעם מקום רוט בכּבֿודיק אויף דער געלאַסנקייט פֿון זייערע טריט. ניכבדים אין זייער היעראַרכיִע. נישטאָ קיין גרענעצן בײַ די פּאַלוסן פֿון דמיון. אויב ס'טרעפֿט, אַז די שײַן פֿון אַ לוקסלאָמפּ גיט פּלוצעם אַ דעק אויף דאָס הערמעטישע שווײַגן אויף אַזאַ פּנים, אַ בליק באַגעגנט זיך מיט אַ בליק, דעמאָלט צעטרעט דער סאַנדאַל דעם ציגאַרעט אין זאַמד: אַזוי פֿיל פֿרעמדשפּראַכן הערשן איצט אויף זייער דאָרפֿישן פּלאַץ. דו קאָנסט פּשוט זיך נישט ווענדן צו אַ מענטש אָן דער הילף פֿון אַ פֿאַרמיטלער. סײַ ווי ווען נישט קאָנען זיך אַרויסזאָגן וועגן דאָס און יענץ, וואָס אין דער מוטערשפּראַך קאָנסטו דאָס אַזוי קלוג און גוט פֿאַרקאָמפּלאַזשן. אין דײַן שפּראַך, חבֿיבי, וועט קיינעם נישט געראָטן דיר אונטערצושטעלן אַ פֿיסל. בעסער אַ הערמעטיש פֿאַרשווײַגעניש.

בלויז די יונגע אין דאָרף קענען לייענען די אײַנגעקריצטע היעראָגליפֿן אין די פֿאַרמעטן פֿון די פּנימער. אָבער די יונגע, זיי זענען איצט אין מיטן פּלאַץ, אין טאַנץ מיט דעם יאַהוד. קרײַז אין קרײַז. הענט פֿאַרשלאָסענע מיט הענט. פֿאַרכּישופֿט איז די נאַכט. אין די הערצער נאָגט אַ גאַרונג ביז כּלות־הנפֿש. דו ביסט אַזש מסוגל צו טראַכטן: אפֿשר דאָ, אויף אָט דעם פּלאַץ, האָבן אַ מאָל אַזוי געטאַנצט פּאַסטעכער פֿון שבֿט יצחק מיט פּאַסטעכער פֿון שבֿט ישמעאל. שאלות, נאָך און נאָך, ווײַטע פֿון טאָג, פֿון דער קלאָרקייט פֿון טאָג.

באַשײַמפּערלעך איז די זעונג. דו קאָנסט זיך מער נישט מאַכן נישט־וויסנדיק. דו פֿילסט דאָס קלאַפּן פֿון דפֿק אין דער איבערקערעניש. דו ביסט אַ טייל אין דעם וויטראַזש וואָס שאַפֿט דאָס בילד. די פּעולה שאַפֿט דאָס געשעעניש. צו וואָס גריבלען זיך אין די פֿאַרבאָרגעניש פֿון מענטשלעכן האַרץ? אָט איז פֿאַר דיר וואָס דײַנע אויגן זעען. דאָס וועט דערגיין ביז צו די וואָרצלען פֿון די כּוונות. דאָ איז נישט קיין נאַטור־פּרעזערוואַציע. דו שטייסט אין דעם ברויזנדיקן פֿערמענט און דאָס איבערקערעניש קלאָרט זיך, גייט אויף.

אַ נײַער דור. ברעכט פּענטצוימען פֿון דאָרפֿישע מסורות. זיי, די טאַנצנדיקע, בויען די שטאָט מיט שווייסיקער פֿאַרשטומטקייט, מיט שפּלדיקייט, און אין זייער האַרץ ציט אַ נאָגעניש צו איר ווי צו אַ קאָקעטישער ווידערשפּעניקערין, וואָס זיי וועלן צו איר קיין מאָל נישט דערלאַנגען.

איצט איז די שטאָט געקומען צו זיי. זי איז געקומען צו זייער פּרימיטיוו־פֿאַר־וואָרפֿענעם דאָרף. צו זיי איז זי געקומען. זין און טעכטער. תּל־אָבֿיבֿ און ניו־יאָרק. אַ רייצנדיקער אַראָמאַט. ביז ווייטיק. ביז כּלות־הנפֿש.

קרײַז אין קרײַז. הענט געשלאָסן אין הענט. אויך אין די וואָרצלען פֿון אַן אומ־היילעוודיקער קרענק דרינגען אַרײַן לייזער־שטראַלן צו היילן.

ס'איז אויך גרײַלעך געמאָלט אַז די שטראַלן, בײַם ברעכן זיך, שפּרייטן אויס פֿאַר דײַנע אויגן אַ מיראַזש; אַ פֿאַרפֿירערישע נאַכט, צײַטווײַליק און פֿאַרגייענדיק.